געוואָרן צו דעם דאָזיקן פֿאָלק דורך דיין השגחה,
3 (דאָס) אָנערקענען מיר אַלעמאָל און אומעטום,
אָ נאָבעלער פֿעליקס, מיט פֿיל דאַנקבאַרקייט.
4 נאָר כדי איך זאָל דיך נישט צופֿיל בּאַלעסטיקן, בּעט
איך דיך אין דיין בּאַשיידנקייט אונז אויסצוהערן
5 בּקיצור. ווָארום מיר האָבּן געפֿונען דעם דאָזיקן
מאַן ווי אַ פּעסט, און אַן אויפֿהעצער צו מחלוקות
צווישן אַלע יידן איבּער דער גאַנצער בּאַוואוינטער
וועלט, אַ מנהיג פֿון דער כיתה פֿון די נוצרים;
6 וואָס ער האָט אויך געמאַכט אַ פּאַרזוך מחלל צו זיין
דאָס בּית המקדש; און מיר האָבּן אים אַרעסטירט
7 און געוואָלט משפּטן לויט אונזער תורה. נאָר ליזיאַס
דער הויפּטמאַן איז געקומען און מיט געוואַלד
8 אים אַרויסגעריסן פֿון אונזערע הענט, בּאַפֿעלנדיק
זיינע בּאַשולדיקער צו קומען צו דיר; פֿון וועמען,
נאָך אַ חקירה ודרישה, דו וועסט זיך קענען דערוויסן,
אַלע די דאָזיקע זאַכן, וועגן וועלכע מיר בּאַשול-
9 דיקן אים. און די יידן האָבּן מסכים געווען, זאָגנדיק,
אַז עס איז אַזוי.

10 און פּוילוס האָט געענטפֿערט, נאָך דעם ווי דער
גובערנאַטאָר האָט אים געגעבּן אַ צייכן צו רעדן.
ווייסנדיק, אַז דו בּיסט שוין פֿון כמה יאָרן אַ שופֿט
בּיים דאָזיקן פֿאָלק, פֿאַרטיידיק איך מיך מיט גוטן
11 מוט; ווייל דו קענסט זיך דערוויסן, אַז עס איז נישט
מער ווי צוועלף טעג, זינט איך בּין אַרויפֿגעגאַנגען
12 קיין ירושלים, זיך צו בּוקן צו גאָט; און נישט האָבּן
זיי מיך געפֿונען האַלטנדיק אַ וויכוח מיט עמיצן
אָדער מאַכנדיק אַ מחלוקה בּיים המון אינם בּית
המקדש, נישט אין די שולן, נישט אין דער שטאָט.
13 און זיי קענען דיר אַפֿילו נישט בּאַווייזן דאָס, וועגן
14 וועלכן זיי בּאַשולדיקן מיך איצט. נאָר דאָס דאָזיקע